**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/17/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט $425 מיליאן אין גרענטס פאר קריטישע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן איבער די סטעיט**

***קומענדיגע רונדע פון די וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען און אינטערמוניציפל גרענט פראגראמען פארשטערקערט דורך די ערשטע שפענדונג פון די ענווייראנמענטל באנד אקט***

***אפליקאציעס וועלן גיין לייוו אום מאי 3***

גאווערנער קעיטי האקול האט היינט געמאלדן אז $425 מיליאן וועלן ווערן געמאכט אוועילעבל דורך די קומענדיגע רונדע פון די סטעיט'ס וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען און אינטערמוניציפל גרענט פראגראמען, פארשטערקערט דורך די ערשטע שפענדונג אונטער די ריינע וואסער, ריינע לופט, און גרינע דזשאבס ענווייראנמענטל באנד אקט פון 2022. די איינשפריצונג פון פובליק געלטער וועלן ווייטער העלפן מאכן וואסער אינפראסטרוקטור אינוועסטמענטס מער אפארדעבל פאר לאקאלע רעגירונגען, פארשטערקערן רעזיליענסי, קעמפן קעגן קלימאט טויש און שאפן דזשאבס אין די פראדוקציע, ענדזשינערן, בוי ארבעט, פלענט אפעראציעס, און פארבינדענע אינפראסטרוקטור טיילן.

"א דאנק די וויילער-באשטעטיגטע ענווייראנמענטל באנד אקט, וועט די פארבעסערטע רונדע פון גרענט געלטער העלפן איבערמאכן קאמיוניטיס איבער ניו יארק סטעיט און בענעפיטירן דורות פון ניו יארקער," **האט גאווערנער האקול געזאגט**. "איינע פון די עיקר באשטיינדטיילן פון די באנד אקט איז צושטעלן באדייטנדע געלטער פאר וואסער אינפראסטרוקטור, און די געלטער וועלן העלפן קאמיוניטיס בויען שטערקער און קלוגער צו פארזיכערן זיכערע טרינקען וואסער און אפפאל וואסער פאסיליטיס קענען מיטמאכן די ווירקונגען פון קלימאט טויש."

ניו יארקער האבן איבערגעוועלטיגנד באשטעטיגט די $4.2 ביליאן ענווייראנמענטל באנד אקט אין נאוועמבער 2022. סטעיט אגענטורן, לאקאלע רעגירונגען, און שותפים וועלן קענען האבן צוטריט צו געלטער צו באשיצן וואסער קוואליטעט, העלפן קאמיוניטיס זיך צופאסן צו קלימאט טויש, פארשטערקערן רעזיליענסי, און שאפן גרינע דזשאבס. באנד אקט געלטער וועלן העלפן שטיצן נייע און פארגרעסערטע פראיעקטן איבער די סטעיט צו באשיצן טרינקען וואסער קוועלער, פארמינערן פאלושען, און באשיצן קאמיוניטיס און נאטורליכע קוועלער פון קלימאט טויש.

די ענווייראנמענטל פאסיליטיס קארפאראציע (Environmental Facilities Corporation, EFC) פירט אן די [וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג (Water Infrastructure Improvement, WIIA) און אינטערמוניציפל גרענט (Intermunicipal Grant, IMG)] פראגראמען ארבעטנדיג נאנט מיט די דעפארטמענטס אוו העלט (Departments of Health, DOH) און ענווייראנמענטאלע אפהיטונג (Environmental Conservation, DEC). WIIA און IMG זענען איפגעשטעלט געווארן אין 2015 און

2017, אומגעפער, און זענען געווארן געצאלט דורך די ריינע וואסער אינפראסטרוקטור אקט ( Clean Water Infrastructure Act, CWIA). די געלטער היינט געמאלדן רעכענען אריין $225 מיליאן פון די גאווערנער'ס היסטארישע פארפליכטונג צו וואסער קוואליטעט אינפראסטרוקטור, און $200 מילריאן פון די [ענווייראנמענטל באנד אקט](), וועלכע האט ספעציפיש באטיטלט WIIA און IMG פראגראמען אלס געצייג צו העלפן נוצן וואסער קוואליטעט פארבעסערונג און רעזיליענט אינפראסטרוקטור געלטער.

אן אינטער-אגענטור ארבעט גרופע צאמגעשטעלט פון אפאר סטעיט אגענטורן אידענטיפיצירט יעצט געברויכן פאר ענווייראנמענטל געלטער איבער די סטעיט און אנטוויקלען פראגראם לאגיסטיקס, אריינרעכענדיג נאך בארעכטיגונג פארשריפטן פאר וויאזוי פראיעקטן ווילן ווערן אויסגעוועלט און אויסגעפירט, דורך א דורכזיכטיגע און פאראייניגטע פראצעדור. EFC האט אום מערץ 15 ארויסגעגעבן [דרעפט WIIA/IMG באנד אקט בארעכטיגונג פארשריפטן פאר פובליק באמערקונג]() אלס טייל פון די ארבעט.

די איינשפריצונג פון ענווייראנמענטל באנד אקט געלטער וועט העלפן פארגרעסערן די WIIA/IMG גרענט פראגראמען'ס לעגאסי פון מאדערניזירן פארעלטערטע סיסטעמען און באשיצן טרינקען וואסער. די רונדע וועט ווייטער פריאטיריזירן גרענט אווארדס פאר טרינקען וואסער פראיעקטן וואס אדרעסירן ארויסקומענדע פארפעסטיגונגען און אזוי אויך קריטישע אפפאל וואסער פראיעקטן. שוואכערע קאמיוניטיס וועלן באקומען כאטש 35 פראצענט פון די בענעפיטן פון די צאמגעשטעלטע WIIA/IMG און ענווייראנמענטל באנד אקט געלטער.

אפליקאציעס און גאנצע בארעכטיגונג באדינגונגע ווען ווערן אוועילעבל ביי [efc.ny.gov]() אום מאי 3.

**ענווייראנמענטל פאסיליטיס קארפאראציע פרעזידענט און CEO מאורין א. קוילמאן האט געזאגט,** "EFC איז פרייליך צו העלפן מאכן די ערשטע דאלארן פון די ענווייראנמענטל באנד אקט אוועילעבל דורך אונזער פאפולערע גרענט פראגראמען. EFC דאנקט גאווערנער האקול פאר איר פרא-אקטיווע פארפליכטונג צו צושטעלן געלטער לעזונגען צו אונזערע שטאטישע שותפים זיי צו העלפן קעגנשטעלן ריינע וואסער פראבלעמען און ברענגען קריטישע פראיעקטן אונטערוועגס."

**דעפארטמענט פון ענווייראנמענטעל קאנזערוועישאן קאמישינער און EFC באורד טשעיר בעזיל סעגאס האט געזאגט,** "מיט רעקארד געלטער יעצט אוועילעבל דורך די ענווייראנמענטל באנד אקט און און אנגעהאלטענע אינוועסטמענטס אין סטעיט פראגראמען, האבן מוניציפאליטעטן מער געלעגנהייטן צו איינפירן נויטיגע פראיעקטן וואס באשיצן וואסער קוואליטעט. DEC ארבעט ווייטער מיט גאווערנער קעיטי האקול, EFC, און אונזערע לאקאלע שותפים צו אינוועסטירן ריינע וואסער ריסאורסעס אין אונזערע קאמיוניטיס און פארבעסערן ענווייראנמענטל, פובליק געזונט, און עקאנאמישע בענעפיטן."

**עקטינג סטעיט העלט קאמישאנער דר. דזשעימס מק'דאנאלד האט געזאגט,** "יעדער פארדינט זיכערע טרינקען וואסער. עס איז קריטיש צו לעבן און וויכטיג פאר מאכן און אנהאלטן געזונט קאמיוניטיס. די סטראטעגישע אינוועסטמענטס אין ריינע וואסער אינפראסטרוקטור ווען העלפן האלטן פראיעקטן אפארדעבל פאר קאמיוניטיס איבער די סטעיט, לייגנדיג די פונדאמענט צו בויען א שטערקערע, געזונטערע ניו יארק. איך דאנק גאווערנער האקול פאר איר פארגרעסערטע פארפליכטונג צו די געזונט און וואוילזיין פון אלע ניו יארקער, יעצט און פאר די יארן וואס קומען."

**סעקרעטאר פון סטעיט ראבערט י. ראדריגעז,** "ניו יארק סטעיט'ס פרא-אקטיווע אינוועסטמענטס אין ריינע וואסער אינפראסטרוקטור זענען וויכטיג צו באשיצן רינע טרינקען וואסער, פובליק געזונט, און ענווייראנמענטל באשיצונג אבער שפיגלען אויך אפ די סטעיט'ס פארפליכטונג צו מאכן געזונטע, אנהאלטבארע און ריזיליענט קאמיוניטיס. די איינשפריצונג פ $425 מיליאן אין פובליק געלטער געשטיצט

דורך די ריינע וואסער, ריינע לופט, און גרינע דזשאבס ענווייראנמענטל באנד אקט פון 2022 מאכט א חילוק אין די לעבנס פון ניו יארקער און אין לאקאלע רעגירונגען אנשטרענגונגען צו פארשטערקערן זייער קלימאט טויש ריזיליענסי."

**עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון בירגער קאמפיין פאר די ענוויראנמענט אנדריענע עספאזיטא, האט געזאגט,** "די איבערגעוועלטיגטע פובליק שטיצע פאר די ענווייראנמענטל באנד אקט אין נאוועמבעראיז געווען א שטארקע, קלארע מעלדונג אז פארבעסערן אונזער אפפאל וואסער און טרינקען וואסער אינפראסטרוקטור איז דרינגענד נויטיג. די פובליק האט גערעדט און יעצט ברענגען גאווערנער האקול און אונזערע אויפגענומענע פירערס די באנד אקט צוזאגונגען! די קריטישע געברויך פאר ריינע וואסער פארבעסערונגען איז ברייט פארשפרייט איבער ניו יארק קאמיוניטיס, ברייט געשטיצט דורך די פובליק און שטעלט צו וויכטיגע פובליק העלט בענעפיטן. אס איז פרייליכע און ענטפאנגענע נייעס אום ערד וואך!"

**ניו יארק סטעיט אסאסיעשאן פון קאונטיס עקזעקיוטיוו דירעקטאר סטעפאן ד. אקוואריא האט געזאגט,** "זייט איר אנפאנג, איז די וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג אקט געווען א קריטישע קוואל פון געלטער פאר טרינקען וואסער און אפפאל וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן איבער ניו יארק סטעיט. די נייע רונדע פון גרענט געלטער וועט שטיצן לאקאלע רעגירונגען'ס אנגייענדע אנשטרענגונגען צו פאררעכטן און ערזעצן פארעלטערטע רערן, פאמפס, און אנדערע קריטישע אינפראסטרוקטור, און ארייןלייגן נייע באהאנדלונג טעכנאלאגיעס וואס וועלן העלפן פארזיכערן אז אונזערע קאמיוניטיס האבן צוטריט צו ריינע און זיכערע וואסער פאר דורות וואס קומען. מיר באגריסן גאווערנער האקול פארן פריאטיריזירן אינוועסטמענטס אין אונזער וואסער אינפראסטרוקטור און לייגן געלטער פון די היסטארישע ריינע וואסער, ריינע לופט, און גרינע דזשאבס ענווייראנמענטל באנד אקט צו גוטע נוצן פאר די מענטשן פון ניו יארק."

**ניו יארק'ס געטריישאפט צו וואסער קוואליטעט**
ניו יארק זעצט פאר צו פארמערן אירע אינוועסטירונגען אין ריינע וואסער אינפראסטרוקטור. אין די 2023 סטעיט און די סטעיט און איר 2023-24 עקזעקיוטיוו בודזשעט פארשלאג, האט גאווערנער האקול פארגעשלאגן נאך א $500 מיליאן אין ריינע וואסער געלטער, ברענגענדיג ניו יארק'ס סך הכל ריינע וואסער אינפראסטרוקטור אינוועסטמענט צו $5 ביליאן זינט 2017. כדי צו אויסנוצן די אינוועסטירונגען און פארזיכערן אנגייענדע צוזאמענארבעט מיט לאקאלע רעגירונגען, האט די גאווערנער פארגעשלאגן צו אויפשטעלן 'קאמיוניטי הילף מאנשאפטן' (Community Assistance Teams) צו ארבעטן מיט קאמיוניטיס פון פאראויס כדי צו אנקומען צו קליינע, דארפישע און שוואכערע קאמיוניטיס זיי צו העלפן באקומען פינאנציעלע הילף צו אדרעסירן זייערע ריינע וואסער אינפראסטרוקטור באדערפענישן. [די איניציאטיוו איז לעצטנס ארויסגעקומען](#) און אוטריטש זיצונגען זענען אויפן וועג. סיי וועלכע קאמיוניטי וואס דארף הילף מיט זייער וואסער אינפראסטרוקטור באדערפענישן איז געמוטיגט זיך צו פארבינדן מיט EFC ביי [efc.ny.gov/CAT](efc.ny.gov/CAT).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418

[זיך ארויסשרייבן](#)